יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 30 גראשען

היינט 20 זייטען

# נייעס פאלקסבלאט

| № 111 | Łódź, Piątek, 11 maja 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ״ז אייר תרצ״ד | № 111 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71



## יודישע וועהלער, מענער און פרויען!
## פערזארגט אייך מיט וואהל־רעכט!

פון זונטאג אן מוזט איהר קאנטראלירען אין די קרייז-וואהל-קאמיסיעס, צי אייער נאמען איז נישט אדורכגעלאזען אין די וועהלער-רשימות! אויב אייער נאמען פעהלט — רעקלאמירט!

**פעראייניגטער יודישער וואהל-קאמיטעט**
צו די שטאט־ראט-וואהלען אין לאדז
צענטראלע, פיעטריקאווער 10.

ארב.-געז. פאר פיזישער דערציהונג
**„מארגנשטערן"**
אין פוילען. אפטיילונג אין לאדז.

שבת, דעם 19-טען מאי, 3 נאכמיטאג קומט פאר אויפ'ן סטאדיאן פון ל.ק.ס. (אליי אוניא 2) דער יערליכער גרויסער

## זומער טורן- און ספארט-פעסט פון מארגנשטערן

אין פראגראם: פריי-איבונגען אויף מכשירים, מוסטער-איבונגען פון די מענער, פרויען און קינדער-גרופן. פירמידן און ספארט-שפילן מיטן אנטייל פון 400 טורנער.
לייכט-אטלעטישע פארמעסטונגען מיטן אנטייל פון אלע לאדזשער ארבעטער-ספארט קליבן און פון ווארשאווער „מארגנשטערן".
ליטונג פון טורן-פעסט — אינסטרוקטארען-קאמיסיע ביים לאדזשער „מארגנשטערן".
צו די איבונגען וועט צושפילן דער ארקעסטער פון „קולטור-ליגע" אונטער דער ליטונג פון ה' טעלג.

בילעטן פון 54 גר. אן צו באקומען יעדן טאג אין קאנצעלאריע פון „מארגנשטערן" — פאלודניאווע 36, און אין טאג פון פעסט — ביי דער קאסע פון ספארט-פלאץ.

## אכטונג! אכטונג!

זונטאג, דעם 13 מאי אין זאל „פילהארמאניע" (נארוטאוויטשא 20) קומט פאר די פייערליכע **פראקלאמירונג פון דער ספר-תורה-אקציע**

א. נ. **„חפץ-חיים"** זצ״ל מיט דער בעטייליגונג פון די גרעסטע ראשי-ישיבות פון ליטע, ווי אויך מיט דער בעטייליגונג פון די חשובע רבנים פון לאדז און קרינקי, אזארקאוו, קוטנא, זאגעראוו א. א.

אין דער פייערליכקייט בעטייליגט זיך די קהלה פון לאדז און דריי קהלות פון אומגעגנד. אותיות קען מען שוין קויפען ביי הרב סגל, פאלודניאווע 25.

מיט'ן אנטייל פון הרב הגאון ר' **ירוחם לוואוויטש** און הרב הגאון ר' **אלחנן וואסערמאן** פון בארנאוויטש.

אונזער חשוב'ן שעף
**ה' מענדל פראוויזאר און פרוי**
צו דער בר-מצוה-פייערונג פון זייער ליבן זוהן
**שמואליק**
ווינשען מיר זיי א הארציגען מזל-טוב און זיי זאלען דערלעבען פון איהם פיל נחת און פרייד.

**Personel Firmy**
**B-cia Prowizor**
ŁÓDŹ.

## OSTRZEŻENIE.

Niniejszym wzywam poraz ostatni
**B-ci I. i K. FALATYCKICH**
zam. w Łodzi, Łagiewnicka 49, do wykończenia werandy w mojej willi na Wiśniowej Górze, zgodnie z umową z dn. 13/II 1934 r. **w ciągu dni trzech.**

W razie nie zastosowania się do powyższego, werandę wykończę na koszt W.P.P. i sprawę skieruję do władz.

**A. Joskowicz,**
wł. pensjonatu „Konkurencja"
na Wiśniowej Górze.

1951

**Łódzkie Towarzystwo Elektryczne, Spółka Akcyjna,**
zawiadamia, że dnia 16 maja b. r. otwiera
**bezpłatne pokazowe kursy gotowania, pieczenia, smażenia na elektryczności,**
pod kierunkiem wyspecjalizowanych pań.

Wszelkie wyjaśnienia na życzenie udzielane będą również w języku niemieckim.

Panie, pragnące zapoznać się z zastosowaniem kuchen elektrycznych w gospodarstwie domowem, proszone są o zapisanie się na powyższe kursy w SKLEPIE ELEKTROWNI przy ul. Piotrkowskiej 115, lub w BIURZE PROPAGANDOWEM Elektrowni, ul. Przejazd 58.

א הארציגען מזל-טוב ווינש איך מיינע ווי' פריינד
ה' לייביש סארן און פרוי
צו דער פערלאבונג פון זייער זון
חיים מיט פרל. פאלא צוקערמן
מרדכי שייבע

DR. MED. **M. RUNDSZTAJN**
ספעציאל-ארצט פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען
**POMORSKA 7, tel. 127-84**
נעמט אן פון 4 ביז אווענד.

אויף דער
**מאדע-רעוויע**
זונטאג, דעם 13 מאי, 12 בייטאג, אין „פילהארמאניע" וועלען זיך געפינען די נייעסטע מאדעלען
**זומער-שיך**
פון דער פירמע
**A. Ogórek**
Łódź, Zawadzka 11.


אחרי מחלה כבדה וממושכה מת עלינו האיש המצוין במעלותיו בעלי, אבינו, חותנינו, אחינו, זקני, גיסנו ודודנו היקר

## נ״ע משה יצחק קבונקי
### ב״ר יהושע העשיל ז״ל
**בשנת ס״ג לימי חייו**

הלויה תהיה ביום ו' עש״ק פרשת בהר ובחקתי כ״ו אייר תרצ״ד (11/V 1934) ממעונו צעגעלניאנא 24 בשעה 1 אחר הצהרים.

**משפחתו המתאבלת**

# פּיניעלע מזיק
## גיט לשון

צי, צאַט כּאָדשביג גילייבט אין פּאָליקסבלאַט די מיגילע פין וועטשעפּטליכן בלאַף? מ׳קאָן דעך כאַפּ קריגן!

צאַט עפּיס גיזעיען, וואָס זיי טיען דאָרעט אַנטשאַקן? זיי עבן זאָרגן פאַר אינזערע שקאָליס. עבן זאָרגן פאַר אינדזערע קראַנקע אין שפּיטאָל, זיי עבן זעיען, מ׳זאל ניש דאַרפן צולן קאַ הויכע פּראָצענטן. זיי עבן זיך קלאַפּאָטשען, אז אין גאַנץ פּאָליט זאל זאַן לעקטריק מיט גאַזמעיטערס.

כ׳זוג ענק, עין העיערט, אז איך אָב גילייבט די מיגילע פין דעם ווילקער וועטשאַפּטליכן בלאַף, אָב איך שיער ניש גיקריגן אַ כאַפּ. אזעלכע גראַנדאָוויקעס? אזאַלכענע קויעך־מענשען? מיך, פּיניעלען, גייען זיי נעמען אַפּן האָטשיקטשאַק? די בלאָפּערס ווייסן טאַקי ניש, אז איך, פּיניעלע, בין מעיער גיביפּט פין זיירע אַלע ווילקער שמינטיליגענטן!

יען זענען זיי דאַ. אז זיי זעיען, אז ס׳מאַכט זיך אַ מאַסעמאַטן, פערגלאָצן זיי די אויגן און קימען צו אונדז, קאַ באַליט מיט אַ לעיקיכל.

מיר, באַליטער יאַטן, בעדאַרפן ניש די ווילקער לעיקיכלעך. מיר עסן ניש קאַ לעיקיך. מיט די ווילקער לעיקיכלעך עלן מיר באַליטער, זעה דעם מוגן פאַרדאַרבן. זאלן די ווילקער שמאַנדאַקיס עסן לעיקיך, מיר באַליטער קענע באַ־כאשעם פּאַדרייען אַ ראַזאַוועקע מיט שטשאַוו־באַרשט.

הערץ יאַטן פין באַליט און פין שמולן געסל: לאָזץ ענק ניש פּאַטשאַקן פין די ווילקער בלאַפּמאַכערס, האלץ ענק אַלע מיט מיר, מיט ענקער פּיניעלען. זאלן זיי אונדז ניש פּאַזאַרגן. מיר, באַליטער, עלן שוין אַלייבט זאָרגן — מויכל טויווז!

אַץ מיר אַלע באַליטער יאַטן אַ גיטן שאַביס און זאַץ מיר גיזינט.

## יודישע גזלנים

— אין קאָמיסאַריאַט פאַלט אריין אַ יונגער עבדעק און דערציילט, אַז יודען האָבן נאָר וואָס דערהרגעט צוויי העמדעלדיגע.

— וואָס זענען די דערהרגעטע — פרעגט דער רישוישע פּשאָדאָוניק.

— איינער בין איך, און דער צווייטער, וועט באַלד קומען — האט דער העמדעלדיגער געענטפערט.

## אַ גוטע טאָכטער

מוטער (צו דער טאָכטער): דו הערסט, אַנקאַ, אַז מ׳וועט דיך וועלן קושן, זאָלסטו מיך רופן.

טאָכטער: גוט! זאל די מאַמעשי אויך סקאַרשיטשען!

# אין שיינעם מאָנאַט מאַי...

חודש מאַי איז שוין געקומען,
ווי אַ־יעדער איינער ווייס,
נאָר אין לופט עס איז שוין תמוז,
ס׳איז געוואָרן וואַזשנע הייס!

אין די הייסקייט נישט קיין חידוש,
און ס׳איז אויך דאָך נישט קיין ווין,
יודען האָבן איצט אָנ׳ארבייט,
ס׳פיהלט זיך יעדער, ווי אין שויץ...

נישט קיין קלייניגקייט די זאך איז:
ס׳קימען וואַהלען אין דער שטאָט,
יודען סטעבקען, יודען פריכען,
ווי אַ שטייגער אין אַ באָד...

און מען העלפט זיי צו צום רומעל,
מ׳רייבט זיי גוט די באַקען אויס —
דאָ אַ דזבענק און דאָ אַ בוכצע,
און די שמחה איז דאָך גרויס...

אַך און ווי — ס׳איז חיי געלעבט דאָך,
און קיין האָן עס טוט אַ קריי...
איינעל הייסט מען זיי נאָך זיצען:
— פּראָשע שיעדזשעטש... זאָגט מען זיי

מילאָ־מה, איז די, וואָס זיצען
זענען זיכער... ס׳איז זיי גוט...
אָבער מיר... וואָס זאלען טון מיר,
ס׳זאל פון... נאָז נישט קאַפּען בלוט?

איי, אַ חודש מאַי געקומען:
ס׳בליהען העמדלעך, ווערדער בעז...
מאַך שוין, טאַטע זיסער, מאַך שוין
יעדען פון די — אַ מת!

זאלען די כפּרה ווערען
אַלע טאָג כאָטש בלויז אַ שאָק!
נו, און אויך אין איבערוס מאַך שוין
אונז אַ תכלית פּונ׳ם בלאָק!

איקסיגרעק.

## ס׳וועגדט זיך נאר אין מאז

— נו, וואָס זאָגסטו עפּעס צו מיין ווייבעל?

— זי געפעלט מיר זעהר שטאַרק. ווען זי וואָלט מאַרגען אַן אַלמנה, האָב איך באַלד מיט איהר חתונה.

ש. רעלעם.

## אין קינא

— דאָס ערשטע מאָל זייט מיין מאַן איז געשטאָרבען בין איך אין קינא.

— ווען איז אייער מאַן געשטאָרבען?

— יענע וואָך.

ש. רעלעם.

# איין אומגליק נאכ׳ן צווייטען
## פון דער אָסטאריע־קיביצאַרניע

אין דער „אָסטאַריאַ"־קיביצאַרניע דערצעהלט אַ יונגער דיכטער, ווי אזוי ער האט אָנגעשריבען דאָס ערשטע ליד:

— דאָס איז שוין זעהר לאַנג. מיין ערשטע ליבע האָט מיך ענטוישט און דאַן בין איך אַ דערשלאָגענער אַוועק אין אַ וואַלד און אָנגעשריבען מיין ערשטע ליד.

— יאָ... יאָ... — האָט איינער פון די קיביצער איבערגעריסען — איין אומגליק נאָכ׳ן צווייטען...

## זיי טארען נישט חתונה האבען

— איהר געהט שוין אזוי לאַנג צוזאַמען, ווען וועט שוין זיין ביי אייך אַ חופּה?

— מיר טאָרען נישט חתונה האָבען — מיר האָבען זיך געשוואוירען אייביגע ליבע.

ש. רעלעם.

## אין געריכט

ריכטער: איהר ערקלערט, אַז איהר האָט גע־גנבעט צוליב הונגער?

גנב: יאָ.

ריכטער: טאָ פאַרוואָס האָט איהר אַ חוץ לע־בענסמיטעל, אויך געגנבעט געלד?

גנב: כדי כ׳זאָל האָבען צו בעצאָהלען דעם אַדוואָקאַט.

## פאר איהם איז זי טאקע גוט...

פרוי (צום מאַן): נו, יאַקוב, ווי געפעלט דיר די נייע דינסט?

מאַן: זי געפעלט מיר זעהר גוט! זי איז נעהר אַ שעהנע און אַ זויבערע.

פרוי: איך בין אויך אין דער זעלבער מיינונג און האָב איהר טאַקע אָפּגעזאָגט די שטעל.

## נישט אויסגעהאלטען דעם עקזאמען

— איך וויל אָננעהמען ביי אייך אַ פּאָסטען אַלס קאַסירער. איך האָב אַ זעלטענעם זכרון.

שעף: זייט איהר נאָך פריילעדיג?

— יאָ.

שעף: וויפיל כלות זענט איהר שוין געווען שולדיג?

— דאָס געדענק איך נישט.

ש. רעלעם.

# צום דאטשע־סעזאן
## אנפראַגעס צום „קונדס"

איך האָב אַ סובלאָקאַטאָר, איז ער מיט מיין ווייב קנעיעל בקנעפּעל. טאָ, ווער דאַרף זי שיקען אויף זומער־וואוינונג: איך, צי ער?

מיין ווייב פיהרט דאָס געשעפט, רויכערט פּאַפּיראָסען און איז בכלל אַ גאַנצער מאַנספּערשוין אין שטוב. טאָ, ווער דאַרף פאָהרען אויף דאַטשע: איך, צי זי?

מיין מאַן וויל, איך זאל פאָהרען, וואָס ווייטער, און מיין שכן וויל, איך זאל פאָהרען, וואָס נעהנטער — וועמען פאָלגט מען?

מיין ווייב האָט ליב קאָרן און מיינע טעכטער האָבען ליב וואַלד — וואו געפינט מען אזאַ אָרט, אַז ביידע זאלען זיין צופרידען?

בכלל: ווי געפינט מען היינט אַן אָרט, מען זאל נישט כאַפּען אַ קאַשולקאָווע ריק אין דער צייט?

ש. רעלעם.

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאַט" נומער 111
פרייטאג, דעם 11 מאַי 1934

## צום „גרינעם" דאטשע־סעזאן




צום „בעקוועמליכקייט" פון די ליעטניקעס, ווערט היי־יאָהר אויף די דאַטשעס איינגעאָרדענט אַזעלכע „אויטאָמאַטען"...

